## משיחת י״א ניסן ה'תשד״מ

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

אַ זאַך וואָס בטבע קען מען דאָס פאַרזייען און דערפון וואַקסט אויס אַן ״עץ פרי עושה זרע למינהו״, וואָס פון אים וועט אויך וואַקסן ״עץ פרי עושה זרע למינהו״ – איז דאָס אַן ענין אָן קיין הגבלה.

ס'איז טאַקע איין און איינציקער גרעין, קערנדל, אָבער אָט דער קערנדל, איז ניט נאָר מ'איז **משער**, און מ'דאַרף האָבן אויף דערויף אַ נס – נאָר אפילו בדרך הטבע, אַז מ'וועט אים פאַרזייען אין אַן אופן המתאים על פי טבע און אין אַ מקום המתאים על פי טבע – וועט פון אים אויסוואַקסן אַן ״עץ עושה פרי״ אָדער ״זרע למינהו״, וואָס פון דעם זרע וועט אויך וואַקסן אַ ״זרע למינהו״, און אַזוי אין-סוף, עד סוף כל הזמנים, און אויך שפּעטער.

וואָס וועט האָט זיך דאָס אָנגעהויבן?

איז (בשעת) די זאַכן וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן ביום ראשון, וואָס ס'איז דאָך געווען ענינים נעלים ביותר, ווי ער רעכנט זיי אויס אין מדרש, און אויך אין פשוטו של מקרא, אַז דעמאָלט איז באַשאַפן געוואָרן ליכטיקייט, און ליכטיקייט מיט אַלע פירושים וואָס ״אור״ פאַרמאָגט, אָבער אף על פי כן איז דאָס ניט ״עושה פרי למינהו״:

סיי שמים און סיי ארץ מצד עצמם, איז שמים באַשאַפט ניט און באַשאַפט ניט קיין **נייע** שמים, און ארץ באַשאַפט ניט קיין **נייע** ארץ. ועל דרך זה בשאר הנבראים אין יום ראשון. על אחת כמה וכמה ביום שני.

בשעת ס'איז אָבער געקומען דער יום שלישי, ״**שהוכפל בו כי טוב**״, [ביום ראשון שטייט מערניט ווי איין מאָל ״כי טוב״, דאָ איז געוואָרן ״**הוכפל בו כי טוב**״] – האָט דער אויבערשטער אַריינגעגעבן דעמאָלט דעם כח בארץ, אַז (זי זאָל וואַקס אויס) פון איר זאָל קענען אויסוואַקסן אַן ״עץ פרי עושה זרע למינהו״, ״תדשא הארץ דשא״, און דערפון וועט נתגלה ווערן אַ גרעין וואָס מ'זעט בדרך הטבע איז דאָס אין-סוף.

וואָס אַזוי איז דאָס אויך געווען ביום חמישי, ווען ס'איז געווען דגים וחיות וואָס זיינען אויך פרים ורבים;

דאָס קומט אָבער ניט, ווי געזאָגט פריער, בשעת ס'איז געקומען יום הששי, וואָס דעמאָלט שטייט צוויי מאָל ״טוב״, אָבער דעם צווייטן מאָל ״טוב״ שטייט ״**הנה**״, און אין אַן אופן פון ״**מאוד**״,

וואָס נוסף על זה וואָס אַן אדם איז אויך ״פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה״, וואָס לכאורה איז דאָך בזה ניטאָ קיין חילוק – אין ״פרו ורבו״ – צווישן זרע (עץ) פון ״עושה פרי למינהו״ ביי עשבים וחיות ודגים ובהמות וכיוצא בזה, להאדם –

זעט מען אָבער אין פשוטם של הענינים, און מ'זעט דאָס בעיני בשר, אַז דער אויבערשטער האָט אַריינגעגעבן אין אַן אדם אַ שכל, אַז ער זאָל קענען אויפטאָן אין דערויף (וואָס ״עץ פר) וואָס ״עשב עושה פרי זרע למינהו״ אָדער ״עץ פרי עושה פרי למינהו״, אַז ער זאָל קענען אין זיי אויפטאָן, אַז **זייער** ״עושה פרי



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תולדות

למינהו״ זאָל זיין **שלא בערך**:

ניט נאָר זיי (קאָנען) וועלן דאָס אויפטאָן לויט זייער **אייגענעם** כח, נאָר על ידי פעולת האדם מאַכט ער אויף אין זיי שינויים והטבות וכו׳, אַז באַ זיי ווערט מערער דער ״עושה פרי למינהו״: דורך דערויף וואָס ביום הששי איז באַשאַפן געוואָרן דער אדם מיט אַ שכל פון נפש האלקית – נוצט ער אויס דעם שכל לטוב, וואָס דעמאָלט ווערט נוסף אויף ״פרו ורבו ומלאו את הארץ״ – אויך ״וכבשוה״: ער נעמט איין די גאַנצע וועלט מיט אַלע חוקי העולם אין אַן אופן, אַז ער קען דאָס מאַכן נאָך בעסער און נאָך גרעסער, און נאָך טיפער און נאָך ברייטער.

און ווי דערציילט אויך אין פשוטו של מקרא, אַז בשעת ס׳איז געקומען יצחק, און ביי **אים** איז געווען ״ויזרע יצחק״, איז בדרך הטבע איז דאָס געווען אַ ״שנה קשה״, אַ **זמן** קשה, און אַן ״ארץ קשה״, אַ **מדינה** קשה, וואָס בדרך הטבע האָט געדאַרפט (אויפוואַקסן) אויסוואַקסן פון דעם ״ויזרע״ אַזויפיל און אַזויפיל;

בשעת אָבער ״ויזרע יצחק״, אין אַן אופן ווי ער דערציילט, אַז די כוונה זיינע איז געווען צוליב **צדקה**, ניט צוליב זיך אַליין נאָר צוליב מקיים זיין דעם ציווי וואָס ער האָט באַקומען פון אברהם אבינו, אויף וועלכן ס׳איז געזאָגט געוואָרן ״יצוה את בניו ואת ביתו אחריו לעשות צדקה״, איז דערפאַר איז בשעת ״ויזרע יצחק״ זאָגט ער אין פרקי דרבי אליעזר״: וואָס הייסט, ווי קומט יצחק פאַרנעמען זיך מיט זריעה? – נאָר די זריעה איז געווען ״**לצדקה**״, ״זרעו לכם לצדקה״ –

אָט דעמאָלט ״ויברכהו הוי׳״ – האָט אים דער אויבערשטער געבענטשט, אַז ס׳איז געווען מצד [ה]טבע מדינה קשה (און וארץ) און זמן קשה, האָט געדאַרפט זיין טאַקע ״זרע פרי למינהו״, אָבער אין אַזאַ און אַזאַ צאָל, איז ביי אים איז געווען ״**מאה שערים**״ ווי ס׳האָט געדאַרפט זיין על פי הטבע.

מ׳זעט דאָס אויך איצטער אויך בפועל, אַז בשעת אַ מענטש נוצט אויס זיין שכל אויף **ישוב** העולם און **פאַרבעסערן** די וועלט – אָט דעמאָלט פועל׳ט ער, [אין אַן אופן וואָס ס׳איז מותר על פי התורה, ניט כלאים חס ושלום], בהנוגע צו עשב און אילנות, און חיות ובהמות ודגים, אַז נוסף וואָס זיי האָבן מצד הטבע דעם כח פון אין-סוף, דורך דערויף וואָס ״עושה פרי״ אָדער ״עושה זרע״ – איז דורך דערויף ביום הששי נאָך צוגעקומען, אַז דורך דעם אדם, ״אדמה לעליון״, איז ער אין זיי מוסיף ביז אין אַן אופן פון ״**מאה שערים**״.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.